NEW

# לקוטי שיחות

VAYECHI ויחי

VOLUME 1, P. 102-110

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# VAYECHI I | ויחי א

Adapted from *sichos* delivered on *Simchas Beis Hashoeiva* and *Shabbos Bereishis,* 5719 (1958)

## Introduction

Picture two people preparing to fulfill the same *mitzvah*. One has studied the sources, grasped the reasoning, and, as a result, feels inspired. When he performs the *mitzvah*, it resonates with him intellectually and emotionally – he acts with love and awe.

The other person knows only one thing: The *mitzvah* is G-d's will. He doesn't understand why G-d commanded it, and he doesn't feel particularly inspired. But because G-d commanded, he carries out the command. This is *kabbalas ol* – accepting the yoke of Heaven, carrying out His will simply because it's His will.

Logic suggests that the first approach is superior. Understanding creates connection. Inspiration generates energy. Knowledge fuels commitment. He is serving G-d with his mind and heart fully engaged.

Yet Chassidic teachings identify a profound advantage in *kabbalas ol.*

When we serve G-d based on our understanding and feelings, our actions reflect – at least to some degree – what resonates with us, what we find meaning, and what satisfies us. True, this isn't selfishness in any simple sense. But there remains an element of self; after all, the service aligns with our own feelings and thoughts.

*Kabbalas ol* transcends this mindset entirely. When we act solely because He commanded us, without requiring that it make sense to us or move us emotionally, we bond with Him on His terms alone. This is service in its purest form – a connection that rises above the boundaries of our own comprehension and inclination.

# A Blessing That Feet Generate

## When Two Planes Intersect

**1. Yaakov's blessed his son Asher, "From Asher, rich food (שמנה לחמו, *shemeinah lachmo*)** [will **come]."**[1] *Shemen* (שמן), the root of שמנה, translated as "rich," literally means "oil." ***Rashi* interprets** Yaakov's blessing **as meaning** that the tribe of Asher will **possess ample resources of oil. *Rashi* adds that Moshe also blessed Asher in a similar manner,** stating,[2] **"He will immerse his feet in oil."**

א. דִי בְּרָכָה מִיט וֶועלְכֶער יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעבֶּענְטשְׁט זַיְין זוּן אָשֵׁר אִיז: מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ. זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י אַז דָאס מֵיינְט, אַז בַּיי אִים זָאל זַיְין אַ סַךְ בּוֹימְל, אוּן רַשִׁ"י אִיז מוֹסִיף אַז דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ס בְּרָכָה צוּ אָשֵׁר'ן - וְטוֹבֵל בַּשֶּׁמֶן רַגְלוֹ[א].

**It has been mentioned many times that every matter that exists on the physical plane** has an analogous element **on the spiritual plane as well. Indeed, it is** through the descent of **the spiritual counterpart** via *Seder Hahishtalshelus,* the chainlike order of existence, **that the corresponding physical entity comes into being on this plane.**

מֶען הָאט שׁוֹין אַ סַךְ מָאל גֶערֶעדט וֶועגְן דֶעם, אַז אַלֶע עִנְיָנִים וָואס זַיְינֶען דָא אִין גַשְׁמִיּוּת, זַיְינֶען אוֹיךְ דָא אִין רוּחְנִיּוּת. אוּן אַדְּרַבָּה - פוּן דִי עִנְיָנִים אִין רוּחְנִיּוּת קוּמֶען אַרָאפּ דִי זֶעלְבֶּע עִנְיָנִים אוֹיךְ לְמַטָּה אִין גַשְׁמִיּוּת.

**If this is true regarding a material entity in this world, how much more so do the matters related by the Torah** possess **a spiritual counterpart. Every element of the Torah has not only a simple, straightforward meaning** – how it exists in this material world – **but also a meaning in the realms of *remez,* "allusion," *derush,* "homily," and *sod,* mystical interpretation.**

אוֹיבּ דָאס אִיז אַזוֹי אִין עִנְיָנִים פוּן וֶועלְט, אִיז מִכָּל שֶׁכֵּן וְקַל וָחֹמֶר אַז דִי עִנְיָנִים וֶועלְכֶע שְׁטֵייעֶן אִין תּוֹרָה, זַיְינֶען דָא אִין רוּחְנִיּוּת. וָוארוּם יֶעדֶער עִנְיָן פוּן תּוֹרָה הָאט דָאךְ אִין זִיךְ נִיט נָאר דֶעם פְּשַׁט נָאר אוֹיךְ דֶעם רֶמֶז, דְּרוּשׁ אוּן סוֹד.

**This also applies regarding the blessings, "From Asher, rich food will come," and "He will immerse his feet in oil." True, "[the interpretation of] a verse never departs from its simple meaning."**[3] **Thus, simply, in a physical sense, the ancestral heritage of Asher had an abundance of olive** trees, **as *Rashi***[4] states, **quot-**

אַזוֹי אוֹיךְ דִי בְּרָכָה "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ" אוּן "וְטוֹבֵל בַּשֶּׁמֶן רַגְלוֹ" אִיז כָאטשׁ אֵין מִקְרָא יוֹצֵא מִידֵי פְשׁוּטוֹ[ב], אַז סְ'אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען - פָּשׁוּט אִין גַשְׁמִיּוּת - אַ סַךְ זֵיתִים (אוֹילְבִּירְטְן) אִין דֶער נַחֲלָה פוּן אָשֵׁר, ווִי רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט דֶערוֹיף דֶעם

1. *Bereishis* 49:20.

2. ***Devarim* 33:24.**

3. ***Shabbos* 63a.**

4. In his commentary on *Bereishis,* loc. cit.

ing a story related in the Talmud.[5] However, the straightforward interpretation **does not convey the entire meaning of the verse. Certainly, there is a spiritual parallel to the matter.**

סִיפּוּר וָואס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אִין גְמָרָא[ג], שֶׁעפְּט דָאס אָבֶּער נִיט אוֹיס דֶעם גַאנְצְן אִינְהַאלְט פוּן פָּסוּק, אוּן עֶס אִיז זִיכֶער פַּאַרַאן דֶער עִנְיָן אוֹיךְ אִין רוּחְנִיּוּת.

## Turning the Scales Upside Down

**2. The spiritual counterpart of "immers[ing] his feet in oil"** can be explained as follows: **Oil alludes to** *chochmah,* wisdom.[6] **Wisdom is the loftiest dimension of a person's being. Feet are the lowest element of a person's being. "He will immerse his feet in oil" implies that** Asher's **feet make use of the oil. Although outwardly, the feet are the lowest element** of a person's being, **nevertheless, they possess a superlative quality – so great that even wisdom, "oil," does not approach it. Hence, oil is used for immersing the feet.**

ב. דֶער עִנְיָן פוּן וְטוֹבֵל בַּשֶּׁמֶן רַגְלוֹ אִין רוּחְנִיּוּת אִיז:

שֶׁמֶן אִיז אַ רֶמֶז (אָנְדַיְיטוּנְג) אוֹיף חָכְמָה[ד], וָואס חָכְמָה אִיז דֶער הֶעכְסְטֶער טֵייל בַּיי דֶעם מֶענְטשְׁן. רֶגֶל אִיז דֶער נִידֶערִיקְסְטֶער טֵייל פוּן מֶענְטשְׁן. וְטוֹבֵל בַּשֶּׁמֶן רַגְלוֹ מֵיינְט, אַז - רֶגֶל נוּצְט זִיךְ מִיט שֶׁמֶן, דָאס הֵייסְט אַז כָאטשׁ אוֹיסֶערְלֶעךְ אִיז דָאךְ רֶגֶל דִי נִידֶערִיקְסְטֶע מַדְרֵיגָה, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז פַּאַרַאן אִין אִיר גָאר אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, בִּיז אַז אֲפִילוּ חָכְמָה - שֶׁמֶן - קוּמְט נִיט צוּ דֶער מַעֲלָה, וָואס דֶערְפַאר בַּאנוּצְט זִיךְ רֶגֶל מִיט שֶׁמֶן.

**We see a similar concept regarding the era of** *Mashiach,* as the verse states,[7] **"On that day, His feet will stand on the Mount of Olives." Oil** is identified with **wisdom. Olives are the source of oil. And "the Mount of Olives" is even loftier than the olives since it is the place where the olives grow.** From this, **it is apparent that "the Mount of Olives" represents a very lofty level. Nevertheless,** the verse **states, "His feet will stand on the Mount of Olives"** – suggesting that **the feet will be even loftier than "the Mount of Olives."**

אַזוֹי גֶעפִינֶען מִיר אוֹיךְ בִּזְמַן הַמָּשִׁיחַ - וְעָמְדוּ רַגְלָיו בַּיּוֹם הַהוּא עַל הַר הַזֵּיתִים[ה]. שֶׁמֶן אִיז חָכְמָה, זֵיתִים אִיז דֶער מָקוֹר פוּן שֶׁמֶן. אוּן הַר הַזֵּיתִים אִיז נָאךְ הֶעכֶער פוּן זֵיתִים, וָוארוּם דָאס אִיז דָאךְ דֶער אָרְט פוּן וֶועלְכְן עֶס קוּמֶען אַרוֹיס זֵיתִים. אִיז דָאךְ פַארְשְׁטַאנְדִיק אַז הַר הַזֵּיתִים אִיז גָאר אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶע מַדְרֵיגָה, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זָאגְט מֶען, וְעָמְדוּ רַגְלָיו בַּיּוֹם הַהוּא עַל הַר הַזֵּיתִים, אַז רַגְלַיִם שְׁטֵייעֶן נָאךְ הֶעכֶער פוּן הַר הַזֵּיתִים.

**The** counterparts to **"oil" and "feet" in** our **Divine service: Oil, wisdom, implies that** a person **studies Torah and observes** *mitzvos* **because he understands** what he is doing **and,** therefore, carries out his service with joy and **pleasure. The feet connote that** he carries out **his Divine service**

דֶער עִנְיָן פוּן שֶׁמֶן מִיט רֶגֶל אִין עֲבוֹדָה אִיז: שֶׁמֶן (חָכְמָה) מֵיינְט אַז עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן אִיז מְקַיֵּים מִצְוֹת וַוייל עֶר הָאט אִין דֶעם אַ פַארְשְׁטַאנְד אוּן אַ גֶעשְׁמַאק. אָבֶּער רֶגֶל מֵיינְט, אַז זַיין עֲבוֹדָה אִיז

---

5. *Menachos* 85b.

6. *Menachos,* **op. cit.,** states, "Since [the residents of Tekoa] are accustomed to use olive oil, wisdom is prevalent there."

7. *Zechariah* **14:4. See also the** *maamar* **entitled** *BeMoreh Nevuchim… Ve'Amdu Raglav* **in the addenda to the** *Tzemach Tzedek's Sefer HaChakirah,* p. 272.

**motivated by *kabbalas ol,* accepting the yoke** of the *mitzvos.* **On the surface, this is an inferior level** of service **because his observance lacks** joy, **pleasure, and energy.** Instead, he is acting **only** to submit to the **yoke** of service incumbent upon him. **Nevertheless, as will be clarified below, Divine service motivated by *kabbalas ol* possesses an advantage over Divine service motivated by reason and knowledge.**

מִצַּד קַבָּלַת עֹל. אִיז כָאטשׁ אִין פְּלוּג אִיז דָאס אַ נִידֶערִיקֶע מַדְרֵיגָה, וָוארוּם עֶר הָאט דָאךְ אִין דֶעם נִיט קֵיין גֶעשְׁמַאק אוּן קֵיין חַיּוּת, מֶער נִיט ווִי קַבָּלַת עֹל אַלֵיין, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן, אִיז דָא אַ מַעֲלָה אִין עֲבוֹדָה מִצַּד קַבָּלַת עֹל אוֹיף עֲבוֹדָה מִצַּד טַעַם וָדַעַת, ווִי מֶען ווֶעט ווַיְיטֶער דֶערְקְלֶערְן.

**For this reason, on the material plane** as well, **the feet possess a** certain **virtue** lacking **in the head, for, as stated above, the matters on the material plane derive from** a source in **spirituality. As explained in *Likkutei Torah, Parshas Nitzavim,*[8] it is specifically the feet that complement the head.**

אוּן דֶערְפַאר אִיז אוֹיךְ אִין גַשְׁמִיּוּת (וָואס דִי עִנְיָנִים אִין גַשְׁמִיּוּת נֶעמֶען זִיךְ פוּן רוּחְנִיּוּת כַּנַּ"ל) פַארַאן אַ מַעֲלָה אִין רֶגֶל אוֹיפְן רֹאשׁ, וָואס דֶער רֶגֶל דַוְקָא אִיז מַשְׁלִים דֶעם רֹאשׁ, כִּמְבוֹאָר בְּלִקּוּטֵי תּוֹרָה פַּרְשַׁת נִצָּבִים[ח].

## To Gather What Others Lost

**3. To understand the preeminence of the feet over the head and also the connection between the superior virtue of feet and the tribe of Asher, it is first necessary to clarify the** unique **quality of the Camp of Dan – which** included **the tribes of** Dan, **Asher** and Naftali and which is called **"the collector for all the camps."[9]** As the Jews journeyed through the desert, the Camp of Dan **proceeded last**, after **all the** other **camps. Accordingly,** the members of the Camp of Dan **were able to find all the articles that the** other **camps had lost and return them to their owners.**

ג. אוֹיף צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי מַעֲלָה פוּן רֶגֶל אוֹיף רֹאשׁ, אוֹיךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי שַׁיְיכוּת פוּן מַעֲלַת הָרֶגֶל מִיט שֵׁבֶט אָשֵׁר, דַארף מֶען פְּרִיעֶר דֶערְקְלֶערְן דֶעם עִנְיָן פוּן מַחֲנֵה דָן, וָואס שֵׁבֶט אָשֵׁר אִיז גֶעווֶען פוּן זַיְין מַחֲנֶה.

מַחֲנֵה דָן אִיז גֶעווֶען מְאַסֵּף לְכָל הַמַּחֲנוֹת[ט]. זֵיי זַיְינֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם סוֹף פוּן אַלֶע מַחֲנוֹת, אוּן דוּרְךְ דֶעם הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט דִי מֶעגְלֶעכְקַיְיט צוּ גֶעפִינֶען אַלֶע זַאכְן וָואס דִי פְּרִיעֶרְדִיקֶע מַחֲנוֹת הָאבְּן פַארְלָארְן, אוּן אוּמְקֶערְן זֵיי צוּ זֵייעֶרֶע בַּעֲלֵי־בָּתִּים.

**In other words, the Camp of Dan was the last** camp as the Jews journeyed. **This implies that it was lower than the other camps, on the level of feet. Nevertheless – and, in fact, for**

דָאס הֵייסְט, אַז נִיט קוּקְנְדִיק אוֹיף דֶעם וָואס מַחֲנֵה דָן זַיְינֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם סוֹף, וָואס דָאס ווַיְיזְט אַז זֵיי זַיְינֶען גֶעווֶען נִידֶערִיקֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע מַחֲנוֹת - בְּחִינַת רֶגֶל,

פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן - אוּן אַדְּרַבָּה, מִצַּד דֶעם

8. *Likkutei Torah, Devarim,* p. 44a. **See also *Likkutei Sichos,* Vol. 2, p. 398ff.** As stated in those sources, although the head is loftier than the feet, the feet support the head, provide the body with mobility, and can bring the head to heights that it could not reach on its own.

9. ***Bamidbar* 10:25.** See ***Rashi's* commentary on the verse, citing the** *Talmud Yerushalmi, Eruvin* 5:1.

**that reason – its members** were able to **return the lost objects** of all **the other camps.**

גוּפָא - הָאבְּן זֵיי אוּמְגֶעקֶערְט דִי אֲבֵידוֹת צוּ דִי אַנְדֶערֶע מַחֲנוֹת.

## What No One Would Want to Lose

**4. As mentioned before, all physical entities derive from and reflect their spiritual** source. The spiritual counterpart **of a lost object** can be understood from **our Sages' statement,**[10] **"Who is a fool? One who loses... (מה,** ***mah*****) what he is given."** ***Chassidus***[11] **interprets that quote as meaning that every Jew is given from above a** ***mah,*** **a potential for** ***bittul,*** **to be subsumed in G-dliness.**[12] **Nevertheless, due to the** ***yetzer hara,*** **which is called "an old, foolish king,"**[13] **it is possible to lose the** ***mah.*** **Such a lost object would be found and returned by the Camp of Dan, "the collector for all the camps."**

During the Jews' journeys through the desert, the members of **the other camps proceeded ahead** of the Camp of Dan **and were closer to the Sanctuary.** However, **there was a possibility that they would lose their** ***mah,*** **their** ***bittul*** **to G-dliness,** over the course of their journey. This hazard existed **even** for the members of **the tribe of Levi, and even** for the members of **the clan of Kehos,** who served in the Sanctuary. **Specifically,** the members of **the Camp of Dan, who epitomized the "feet," would not only have the** ***mah*** **in their souls remain intact, but moreover, would return the** ***mah,*** **the** ***bittul*** **to all** other **Jews** for, **as mentioned previously, it is specifically the foot that complements the head.**

ד. ווִי גֶעזָאגְט פְּרִיעֶר, אִיז אַלֶע עִנְיָנִים אִין גַשְׁמִיוּת נֶעמֶען זִיךְ אוּן דַיְיטְן אָן אוֹיף זֵייעֶר עִנְיָן אִין רוּחְנִיוּת.

דֶער עִנְיָן פוּן אֲבֵידָה אִיז אַזוֹי ווִי עֶס זָאגְן דִי רַז"ל[ח] אֵיזֶהוּ שׁוֹטֶה זֶה הַמְאַבֵּד כָּל מַה שֶׁנּוֹתְנִים לוֹ. זָאגְט אוֹיף דֶעם חֲסִידוּת[ט] אַ פֵּירוּשׁ, אַז מִלְמַעְלָה גִיט מֶען יֶעדְן אִידְן דֶעם מַ"ה[ט*], דָאס הֵייסְט דֶעם כֹּחַ פוּן בִּיטוּל צוּ אֱלֹקוּת. אָבֶער מִצַד דֶעם יֵצֶר־הָרָע, ווָאס ווֶערְט אָנְגֶערוּפְן מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל[י] - שׁוֹטֶה - קֶען מֶען פַארְלִירְן חַס וְשָׁלוֹם דֶעם מַ"ה. אוּן דִי אֲבֵידָה ווֶערְט גֶעפוּנֶען אוּן אוּמְגֶעקֶערְט דוּרְךְ מַחֲנֵה דָן - מְאַסֵּף לְכָל הַמַּחֲנוֹת.

דִי מַחֲנוֹת ווָאס זַיְינֶען גֶעגַאנְגֶען פְּרִיעֶר, אוּן גֶעווֶען נָאעֶנְט צוּם מִשְׁכָּן, אֲפִילוּ שֵׁבֶט לֵוִי אוּן אֲפִילוּ בְּנֵי קְהָת, קֶען בַּיי זֵיי זַיְין אַ מְצִיאוּת, אַז זֵיי זָאלְן פַארְלִירְן דֶעם מַ"ה אוּן בִּיטוּל צוּ אֱלֹקוּת. נָאר בַּיי מַחֲנֵה דָן - בְּחִינַת רֶגֶל דַוְקָא, אִיז נִיט נָאר ווָאס דֶער מַ"ה ווָאס אִין זֵייעֶר נְשָׁמָה אִיז גַאנְץ, נָאר נָאךְ מֶערֶער, זֵיי קֶערְן אוּם דֶעם מַ"ה אוּן בִּיטוּל אוֹיךְ צוּ אַלֶע אִידְן.

אַזוֹי ווִי מְ'הָאט גֶערֶעט פְּרִיעֶר, אַז דֶער רֶגֶל דַוְקָא אִיז מַשְׁלִים דֶעם רֹאשׁ.

## On the Scales, Above the Scales

5. These concepts are **also** reflected in the

ה. אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ ווָאס שְׁטֵייט

---

10. ***Chagigah*** **4a.**

11. ***Likkutei Torah, Bamidbar,*** **91c;** ***Devarim*** **33a.**

12. Moshe exemplified the expression of this potential declaring (*Shmos* 16:7-8) *venachnu mah,* literally meaning, "What are we?" which, according to *Chassidus*, means, "We are the personification of *mah.*"

13. ***Koheles*** **4:13. See** ***Rashi's*** **commentary on the verse.**

wording of the blessing Yaakov gave Dan, as **stated in this week's Torah reading,**[14] **"Dan will judge."** Commenting on this verse, **the Talmud**[15] **states:**

> **[Whenever] a certain man [would be involved in a controversy, he] would say, "Judge my case (*dunu dini*)." [The Sages] said, "This shows that he descends [from the tribe of] Dan, as it is written, 'Dan will judge (*yadin*).'"**

**The approach of "judge my case" extends to our everyday conduct regarding every matter, even something small.** A person should always be judging himself. Before he does anything, **he** should **consult the *Shulchan Aruch* to learn how** Torah Law determines he should act. **He knows that the world does not operate randomly. There is a directive in the Torah for** everything, **even for the smallest matter.**

**Such an approach stems from *kabbalas ol.*** **When** a person's **Divine service in the Torah and its *mitzvos* is motivated by reason and knowledge, the Torah's judgment distinguishes between matters of substance and things that are small. Indeed, Torah** Sages[16] **describe** certain **matters as "the least significant of the least significant," and others as "the most weighty of the weighty." However, from the perspective of *kabbalas ol,* "the least significant of the least significant" and "the most weighty of the weighty" are of identical** importance,[17] **for they both are equally G-d's decrees.**

This approach – ***kabbalas ol*** – characterizes **the Divine service of** the members of **the Camp of Dan. Therefore, outwardly, it represents the lowest level;** a person on this level **does not possess an understanding of** his Divine service, **nor** does he fulfill it with joy and **satisfaction. However, in truth, from an inward perspective,** the approach of ***kabbalas ol*** **surpasses** that of **understanding. There are two aspects** to its superiority:

(אִין הַיִינְטִיקֶער סֶדְרָה) דָּן יָדִין גו'. דִי גְמָרָא[יא] זָאגְט: הַהוּא דְאָמַר דוּנוּ דִינִי אָמְרִי שְׁמַע מִינָּהּ מִדָּן קָאָתֵי דִכְתִיב דָּן יָדִין גו'.

דִי הַנְהָגָה פוּן "דוּנוּ דִינִי" אִיז, אַז אוֹיף יֶעדֶער זַאךְ, אֲפִילוּ אוֹיף גָאר אַ קְלֵיינִיקַייְט, קוּקְט עֶר אַרַיְין ווִי אִיז דֶער דִין אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ. עֶר ווֵייס, אַז דִי ווֶעלְט אִיז נִיט הֶפְקֵר, אוּן אוֹיךְ אוֹיף דֶער קְלֶענְסְטֶער זַאךְ, אִיז דָא אַ הוֹרָאָה אִין תּוֹרָה.

דִי הַנְהָגָה קוּמְט מִצַּד קַבָּלַת עֹל דַוְקָא. בְּשַׁעַת דִי עֲבוֹדָה אִין תּוֹרָה וּמִצְוֹת אִיז מִצַּד טַעַם וְדַעַת - מִצַּד פַארְשְׁטַאנְד, - אִיז דָאךְ אוֹיךְ לוֹיט דֶעם שֵׂכֶל פוּן תּוֹרָה פַארַאן אַ חִילוּק פוּן אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ בִּיז אַ קְלֵיינֶע. וְהָרְאָיָה וָואס תּוֹרָה רוּפְט אָן אֵיינֶע קַלָּה שֶׁבְּקַלּוֹת אוּן דִי צְווֵייטֶע - חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת. אָבֶּער מִצַּד קַבָּלַת עֹל זַיְינֶען קַלּוֹת שֶׁבְּקַלּוֹת וַחֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת גְלַיְיךְ[יב], ווַיְיל בֵּיידֶע גְלַיְיךְ זַיְינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס גְזֵירוֹת.

אוּן דָאס אִיז דִי עֲבוֹדָה פוּן מַחֲנֵה דָן - קַבָּלַת עֹל. וָואס דֶערְפַאר אִיז דָאס בְּגִילּוּי - אוֹיסֶערְלֶעךְ - אַ נִידֶערִיקֶע מַדְרֵיגָה, וָוארוּם עֶר הָאט דָאךְ נִיט אִין דֶעם קֵיין פַארְשְׁטַאנְד אוּן גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער בֶּאֱמֶת וּבִפְנִימִיּוּת, אִיז קַבָּלַת עֹל הֶעכֶער פוּן הַשָּׂגָה אוּן דָאס אִיז אִין צְווֵיי עִנְיָנִים:

14. *Bereishis* 49:16, as translated by *Radak.*

15. ***Pesachim*** **4a.**

16. *Talmud Yerushalmi, Peah* 1:1, *et al.*

17. **See** ***Yalkut Shimoni, Shmos,*** **sec. 298;** ***Talmud Yerushalmi, loc. cit.; Devarim Rabbah*** **6:2;** ***et al.***

a) **Understanding is**, by definition, **limited.**[18] **As such, G-dliness cannot be grasped with understanding because G-dliness is unlimited. Accordingly, if a person serves G-d because he is motivated intellectually, his comprehension of G-dliness will be limited, extending only** to the limits of **his comprehension. By contrast,** ***kabbalas ol*** **involves committing oneself unlimitedly to G-d as He is, without any bounds** or definition.

b) **In addition to the advantage of** ***kabbalas ol*** **over comprehension – that** ***kabbalas ol*** **reaches a loftier** level **than comprehension –** ***kabbalas ol*** **possesses an advantage that it is the foundation of all Divine service, even the Divine service** motivated by **reason and logic. The reason is that we cannot build on** a foundation established by **intellect alone. For one's intellect to function as is necessary –** even from the perspective of intellect alone – **it must be preceded by** ***kabbalas ol.*** **As** ***Tanya***[19] **states, quoting the** ***Zohar,***[20] **"If this [submission, i.e., the acceptance of G-d's yoke] is not found within him, holiness will not rest upon him."**[21]

א) הַשָּׂגָה - פַארְשְׁטַאנְד - אִיז בַּאגְרֶענֶעצְט. וּבְמֵילָא, מִיט הַשָּׂגָה קֶען מֶען נִיט נֶעמֶען אֱלֹקוּת - גֶ־טְלֶעכְקַייט, - וַוייל אֱלֹקוּת אִיז בְּלִי גְּבוּל - אוּמְבַּאגְרֶענֶעצְט. אִיז בְּשַׁעַת עֶר דִינְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִצַּד שֵׂכֶל, נֶעמְט עֶר אִים - דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן - אִין אַ בַּאגְרֶענֶעצְטְן אוֹפֶן, אוֹיף וִויפִל זַיְין שֵׂכֶל קֶען מַשִּׂיג זַיְין. דַאקֶעגְן קַבָּלַת עֹל אִיז דִי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַייט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי עֶר - דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער - אִיז בְּלִי גְבוּל - אוּמְבַּאגְרֶענֶעצְט.

ב) אוֹיסֶער דֶער מַעֲלָה פוּן קַבָּלַת עֹל אוֹיף הַשָּׂגָה, וָואס קַבָּלַת עֹל דֶערְלַאנְגְט הֶעכֶער פוּן הַשָּׂגָה, אִיז אוֹיךְ דָא דִי מַעֲלָה אִין קַבָּלַת עֹל וָואס דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן כָּל הָעֲבוֹדָה, אוֹיךְ פוּן דֶער עֲבוֹדָה וָואס עַל פִּי טַעַם וָדַעַת. ווָארוּם אוֹיף שֵׂכֶל אַלֵיין טָאר מֶען נִיט בּוֹיעֶן, אוּן בִּכְדֵי אַז דֶער שֵׂכֶל זָאל זַיְין וִוי עֶר דַארְף זַיְין, אִיז עֶס פְרִיעֶר דוּרְךְ קַבָּלַת עֹל דַוְקָא. וִוי עֶר זָאגְט אִין תַּנְיָא[יט] בְּשֵׁם הַזֹּהַר "וְאִי הַאי לָא אִשְׁתְּכַח גַּבֵּיהּ לָא שַׁרְיָא בֵּיהּ קְדוּשָּׁה"[כ].

## Why They Were Last

6. **Based on the above, we can understand why the Camp of Dan journeyed last, as "the collector for all the camps." There are three reasons for this:**

a) **The Divine service** of the members of the Camp of Dan was characterized by ***kabbalas ol,*** **which outwardly is a low level, identified with the foot. Since its spiritual level was (outwardly) the last, the camp's place** in the Jewish people's journeys **on the physical plane was also at the end.**

ו. אוּן לוֹיט דֶעם וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶעם עִנְיָן וָואס מַחֲנֵה דָן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם סוֹף, מְאַסֵּף לְכָל הַמַּחֲנוֹת, וָואס אִין דֶעם זַיְינֶען פַארַאן דְרַיי טְעָמִים:

א) וַוייל זֵייעֶר עֲבוֹדָה אִיז גֶעוֶוען בְּקַבָּלַת עֹל, וָואס בְּגִילּוּי - אוֹיסֶערְלֶעךְ - אִיז דָאס אַ נִידֶערִיקֶע מַדְרֵיגָה, בְּחִינַת רֶגֶל. אוּן וִויבַּאלְד אַז זֵייעֶר מַדְרֵיגָה אִין רוּחְנִיּוּת אִיז גֶעוֶוען (בְּגִילּוּי) בְּסוֹף, דֶערְפַאר אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר אָרְט בְּגַשְׁמִיּוּת גֶעוֶוען צוּם סוֹף.

---

18. Understanding implies grasping an entity and objectively comprehending what it is. That is possible only regarding an entity that is defined.

19. ***Tanya,*** **ch. 41.**

20. *Zohar,* Vol. III, p. 108a.

21. **See the clarification of these two positive virtues** of *kabbalas ol* **in** ***Likkutei Sichos,*** **Vol. 2, p. 426ff.** (translated in *Selections from Likkutei Sichos,* Festivals, Vol. 1, p. 139ff.).

b) **Because** they were motivated by **the *bittul* of *kabbalas ol,* they sacrificed themselves to collect** whatever the Jews from all the other **camps – including even the stragglers** – lost. True, **as a result, they would be at the end of the camp and far from the Sanctuary** – but they made the sacrifice willingly. The reason was that **when** a person **is** motivated by **the *bittul* of *kabbalas ol,* he does not exist for himself. His entire existence** revolves around **carrying out** G-d's **will. He is not concerned about** his own accomplishments or **what will become of him. His only concern is that** G-d's **will be carried out. Accordingly, he is willing to be far from the Sanctuary and at the very end** of the camp **for the sake of fulfilling G-d's will – to draw another Jew close to G-dliness.**

c) ***Kabbalas ol,*** the Divine service epitomized by **the Camp of Dan, serves as the foundation and maintains the totality of** our **Divine service, even** our Divine service that involves **understanding. Just as an entire building stands on its foundation and the feet support** the entire body, including **the head,** *kabbalas ol* sustains our Divine service as a whole.

ב) מִצַּד דֶעם בִּיטוּל פוּן קַבָּלַת עֹל, הָאבְּן זֵיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוועֶן אוֹיף צוּ זַיְין מְאַסְפִים לְכָל הַמַּחֲנוֹת, אֲפִילוּ צוּ דִי הִינְטֶערְשְׁטֶעלִיקֶע פוּן אִידְן, כָאטשׁ אַז דוּרְךְ דֶעם הָאבְּן זֵיי גֶעדַארְפְט זַיְין וַוִייט פוּן דֶעם מִשְׁכָּן אוּן צוּם סוֹף.

וָוארוּם בְּשַׁעַת עֶר שְׁטֵייט אִין בִּיטוּל פוּן קַבָּלַת עֹל, אִיז עֶר נִיט קֵיין מְצִיאוּת פַאר זִיךְ. זַיְין גַאנְצֶע מְצִיאוּת אִיז נָאר דֶער קִיּוּם רָצוֹן הָעֶלְיוֹן. אִים אִיז נִיט נוֹגֵעַ וָואס וֶועט זַיְין מִיט אִים, אִים אִיז נוֹגֵעַ נָאר אַז דֶער רָצוֹן הָעֶלְיוֹן זָאל זִיךְ דוּרְכְפִירְן. אוּן דֶערְפַאר אִיז בַּיי אִים רֶעכְט אַז עֶר אַלֵיין זָאל זַיְין וַוִייט פוּן מִשְׁכָּן אוּן צוּם סוֹף, אַבִּי מְקַיֵּים זַיְין רָצוֹן הָעֶלְיוֹן דוּרְךְ מְקָרֵב זַיְין אַ אִידְן צוּ גֶ־טְלֶעכְקַיְיט.

ג) מַחֲנֵה דָן, קַבָּלַת עֹל, גִיט אַ קִיּוּם אוּן אִיז דֶער יְסוֹד פוּן דֶער גַאנְצֶער עֲבוֹדָה, אוֹיךְ צוּ הַשָּׂגָה, אָט אַזוֹי ווִי רֶגֶל אוּן יְסוֹד, וָואס אוֹיף זֵיי שְׁטֵייט דֶער גַאנְצֶער בִּנְיָן, אוּן זֵיי הַאלְטְן אוּנְטֶער דֶעם קָאפּ.

## Security and Vulnerability

7. **The above leads to** the following **directive for Divine service: A person who studies the Torah and observes the *mitzvos* in the most consummate fashion** is, nevertheless, at risk spiritually. Although **he is close to G-d's Sanctuary and the Holy Ark, nevertheless, if he thinks only about his own welfare – even his spiritual welfare – and is lacking the commitment to do a favor for another Jew, he can lose the *mah* within his soul.**[22] **Since he is lacking** in **"lov[ing] your fellow as yourself,"**[23] which is **the foundation of the entire Torah,** he may stumble spiritually.

ז. דִי הוֹרָאָה פוּן דֶעם אִין עֲבוֹדָה אִיז:

אוֹיךְ דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן אִיז מְקַיֵּים מִצְוֹת אוֹיף דֶעם דֶערְהוֹיבֶּעְנְסְטְן אוֹפֶן, בִּיז אַז עֶר שְׁטֵייט נָאעֶנְט צוּם מִשְׁכָּן אוּן אָרוֹן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, אוֹיבּ עֶר טְרַאכְט נָאר וֶועגְן זַיְין אֵייגֶענֶער טוֹבָה, (אֲפִילוּ בְּשַׁעַת דָאס רֶעדט זִיךְ וֶועגְן זַיְין רוּחְנִיּוּת׳דִיקֶער טוֹבָה) אוּן עֶס פֶעלְט בַּיי אִים דִי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַיְיט צוּ טָאן אַ טוֹבָה אַ צְווֵייטְן אִידְן, אִיז וִויבַּאלְד עֶס פֶעלְט בַּיי אִים דֶער עִנְיָן פוּן וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ[טו], יְסוֹד כָּל הַתּוֹרָה, קֶען עֶר פַארְלִירְן דֶעם מַ״ה שֶׁבְּנַפְשׁוֹ[טז].

---

22. See *Shabbos* 31a; *Tanya,* ch. 32. 23. *Vayikra* 19:18.

**Specifically, a person who devotes himself to** ***ahavas Yisrael*** **(“the love of one’s fellow Jew”) with** ***mesiras nefesh*** **(self-sacrifice) stands secure regarding his own** spiritual status. **He will remain whole and he will also** be able to **return the lost spiritual** possessions of **another Jew.**

דווקא דער וואס גיט זיך אוועק מיט א מסירת נפש אויף אהבת ישראל, דער דווקא איז זיכער מיט זיך אליין, אז ער וועט זיין גאנץ, און ער קערט אום אויך די אבידות הרוחניות (די רוחניות'דיקע פארלוסטן) צו א צווייטן אידן.

## A Revelation That Cannot Be Earned

**8. The positive quality attained through the Divine service of** ***kabbalas ol*** **and self-sacrifice for** ***ahavas Yisrael*** **is expressed in the blessing in** ***Parshas VeZos HaBerachah*** **that** Moshe gave to **the tribe of Naftali, the last** tribe **of the Camp of Dan,**[24] **“Take possession of [the land to] the west** and the south [of the Kinneret Sea].”

ח. די מעלה צו וועלכער מען דערגרייכט דורך דער עבודה פון קבלת על און מסירת נפש אויף אהבת ישראל, זאגט ער אין פרשת ברכה אין דער ברכה פון שבט נפתלי וואס ער איז געווען צום סוף פון מחנה דן גופא - "ים ודרום ירשה"[יז].

**The words** ***yam vedarom yeroshah,*** **“Take possession of [the land to] the west and the south” reflect three different levels, listed in ascending order:**

די ווערטער "ים ודרום ירשה" זיינען דריי מדריגות, מיט א סדר פון מלמטה למעלה.

The significance of ***yam,*** **“to the west,”** can be understood based on **the Talmud’s statement**[25] **that “the** ***Shechinah*** **(‘Divine Presence’) is in the West.” Although the West is one of the four** cardinal **directions, it is still limited, being in the category of space, like the other directions. Nevertheless, there is a greater revelation of G-d’s Presence in the West than in the other directions.**

"ים": עס שטייט אין גמרא[יח], שכינה במערב, דאס הייסט אז כאטש מערב־זייט איז איינע פון די ד' רוחות, און איז אויך מוגבל בגדר מקום, אזוי ווי די איבעריקע רוחות, פונדעסטוועגן, איז אין צד מערב פאראן גילוי השכינה מערער ווי אין די איבעריקע רוחות.

Regarding ***vedarom,*** **“and the South,”** ***Likkutei Torah***[26] **states that the most intense heat of the sun is** felt **in the South.** Now, **it is written**[27] **regarding the sun, “**like **the sun and its shield [are G-d’s names,]** ***Havayah*** **and** ***Elokim.***”[28] Thus, the South is **loftier than the West.**[29] As reflected in **the**

"ודרום": עס שטייט אין לקוטי תורה[יט] אז אין דרום איז די שטארקסטע היץ פון דער זון. אויף שמש שטייט[כ]: שמש (ומגן) הוי' (אלקים), ווארום דאס איז העכער פון "ים"[כא]. "ים" איז דער כח אלקי ווי ער איז שוכן און איז מוגדר בגדר זמן ומקום. (דערפאר

---

**24.** ***Devarim*** **33:23.**

**25.** ***Bava Basra*** **25:1.**

**26. See** ***Likkutei Torah,*** **the beginning of** ***Parshas Tazria*** (*Likkutei Torah, Vayikra,* p. 19d ff).

**27.** ***Tehillim*** **84:12.** The translation of the verse follows the understanding in this *sichah* and in many other sources in *Chassidus.*

28. The sun’s shield limits its light and allows it to be revealed within the world. Similarly, the Divine name *Elokim* limits and veils the unlimited power of the Divine name *Havayah.*

**29. See** ***Daas Zekeinim miBaalei HaTosafos, Devarim*** **33:23, “‘West’ refers to this world; ‘South’ to the World to Come.”**

**wording, "the *Shechinah* is in the West,"[30] the West is identified with the G-dly** life-**force that dwells within** – and thus **is defined – within the context of time and space. By contrast, the South is** identified with **the revelation of "the sun… *Havayah*,"** the transcendent level of G-dliness that is **"past, present, and future as one,"[31] above** the limits of **time and space.**

***Yeroshah,*** translated as "take possession of," is related to the word *yerushah,* meaning "inheritance." Moshe was instructing the tribe of Naftali to take possession of the portion of *Eretz Yisrael* designated as its ancestral heritage. **The difference between** acquiring property as **an inheritance and** acquiring it through **a sale or** receiving it as **a present is** as follows: **When a purchaser acquires something** through a sale, he **must pay for it with money. Accordingly, the significance and value of the entity is measured,** i.e., limited **according to the worth of the money the purchaser pays.**

**Regarding a present – which the giver transfers to the recipient without charge** – our Sages say,[32] **"If [the recipient] had not generated satisfaction for [the giver], he would not have given him a present." As such, it is understood that** the worth of **a present varies – although not in** direct **proportion – with the** degree **of satisfaction the recipient generated for the giver.**

**By contrast, when it comes to an inheritance, the state of the heir or what he has done makes no difference at all; an inheritance is acquired as a matter of course, even by an infant at the youngest age.**

**The same concept applies in a spiritual sense:[33] A sale or a present refers to a revelation of Divine light commensurate with the person's Divine service; the nature of the revelation varies according to** the

אִיז דֶער לָשׁוֹן: שְׁכִינָה בְּמַעֲרָב)[כב]. אָבֶּער אִין "דָרוֹם" אִיז דֶער גִילוּי פוּן שֶׁמֶשׁ הֲוָיָ', הָיָה הוֹוֶה וְיִהְיֶה כְּאֶחָד[כג] וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן זְמַן וּמָקוֹם (צַיְיט אוּן אָרְט).

"יָרָשָׁה": דֶער חִילוּק פוּן יְרוּשָׁה בִּיז מְכִירָה וּמַתָּנָה אִיז:

אִין מְכִירָה דַארְף דֶער לוֹקֵחַ גֶעבְּן גֶעלְט. בְּמֵילָא אִיז דִי גְרוֹיסְקַיְיט אוּן דִי וֶוערְדֶע פוּן דֶער זַאךְ וָואס דֶער מוֹכֵר גִיט אִים, לוֹיט דֶער וֶוערְדֶע פוּן דִי גֶעלְט וָואס דֶער לוֹקֵחַ גִיט.

אוֹיךְ אִין מַתָּנָה וָואס דֶער נוֹתֵן גִיט צוּם מְקַבֵּל אוּמְזִיסְט, זָאגְט מֶען[כד]: אִי לַאו דְעָבִיד לֵיהּ נַיְחָא לְנַפְשֵׁיהּ לָא הֲוָה יָהִיב לֵיהּ מַתַּנְתָּא. וּבְמֵילָא אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק, אַז אוֹיךְ דִי מַתָּנָה וֶועלְכֶע עֶר בַּאקוּמְט עֶנְדֶערְט זִיךְ (כָאטשׁ עֶס אִיז נִיט אוֹיסְגֶעמָאסְטְן) לוֹיט דֶער גְרוֹיסְקַיְיט פוּן דֶעם נַחַת רוּחַ וָואס דֶער מְקַבֵּל הָאט פַארְשַׁאפְט דֶעם נוֹתֵן.

אָבֶּער אִין יְרוּשָׁה הָאט אִינְגַאנְצְן נִיט קֵיין שַׁיְיכוּת דֶער מַצָּב פוּן יוֹרֵשׁ אוּן זַיְין עֲבוֹדָה. יְרוּשָׁה קוּמְט בְּמֵילָא אוּן אוֹיךְ צוּ אַ קָטָן בְּיוֹתֵר.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ אִין רוּחְנִיוּת[כה]: מְכִירָה וּמַתָּנָה מֵיינְט דֶער גִילוּי אוֹר אֱלֹקִי וָואס אִיז אוֹיסְגֶעמָאסְטְן לוֹיט דֶעם מֶענְטשְׁנְס עֲבוֹדָה, וָואס אַן עֶנְדֶערוּנְג אִין דֶער עֲבוֹדָה פוּן מֶענְטשְׁן עֶנְדֶערְט דֶעם אוֹפֶן פוּן

30. See *Tanya,* ch. 42. See also ch. 41, which defines the *Shechinah* as "the G-dly life-force that dwells within the world."

31. *Tanya, Shaar HaYichud VehaEmunah,* ch. 7.

32. *Megilah* 26b; *Gittin* 50b; *Bava Basra* 156a (using slightly different wording).

33. See the *maamar* entitled *Torah Tzivah,* 5702 (*Kuntreis* 115, published in *Sefer HaMaamarim 5702,* p. 39).

nature of **the Divine service. By contrast, an inheritance is acquired** equally **by all Jews, for all Jews are "children of G-d, your L-rd,"**[34] **and as such,** full **heirs.** The inheritance they receive **transcends their** individual **capacities** entirely **and has no limits.**

דֶעם גִילוּי. אָבֶּער יְרוּשָׁה אִיז דָא בַּיי אַלֶע אִידְן (וָוארוּם בָּנִים אַתֶּם לַהֲוָיָ' אֱלֹקֵיכֶם[כו], וּבְמֵילָא אִיז יֶעדֶער אִיד אַ יוֹרֵשׁ), סְ'אִיז הֶעכֶער פוּן כְּלֵי הַמְקַבֵּל אוּן הָאט נִיט קֵיינֶע הַגְבָּלוֹת.

## Claiming Our Inheritance

**9. How can one acquire the** Jews' spiritual **ancestral heritage? Through the Divine service of *kabbalas ol* and *mesiras nefesh* for the sake of *ahavas Yisrael.* As mentioned before, Divine service based on reason and knowledge can only grasp a limited dimension of G-dliness – one that is based on the capacity of the person's mind, to the extent of his comprehension. *Kabbalas ol,* by contrast, involves a dedication to G-d, as He is unlimited.**

ט. דוּרְךְ וָואס קוּמְט מֶען צוּ צוּם "יְרֻשָּׁה", - דוּרְךְ דֶער עֲבוֹדָה פוּן קַבָּלַת עֹל אוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ אוֹיף אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל. ווי גֶעזָאגְט פְרִיעֶר, אַז דוּרְךְ עֲבוֹדָה עַל פִּי טַעַם וָדַעַת קֶען מֶען נֶעמֶען אֱלֹקוּת נָאר אִין אַ בַּאגְרֶענֶעצְטְן אוֹפֶן, לוֹיט דֶער גְרוֹיסְקַייט פוּן זַיין שֵׂכֶל, אוֹיף וויפְל עֶר קֶען מַשִּׂיג זַיין. אָבֶּער קַבָּלַת עֹל אִיז דִי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַייט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן ווי עֶר אִיז בְּלִי גְבוּל.

**True, as mentioned previously, every Jew is an heir,** inherently possessing a connection to this dimension of G-dliness. However, **it is possible that** his connection **will be hidden, as mentioned previously in** the interpretation of the statement, **"Who is a fool? One who loses... what (the *mah*) he is given."** ***Kabbalas ol*** **reveals this connection.**

אוּן כָאטשׁ, ווי גֶעזָאגְט פְרִיעֶר, יְרוּשָׁה אִיז דָא בַּיי אַלֶע אִידְן, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן קֶען דָאךְ דָאס אָבֶּער זַיין אוֹיךְ בְּהֶעְלֵם - פַארְהוֹילְן - (וְכַנַּ"ל בְּעִנְיַן אֵיזֶהוּ שׁוֹטֶה זֶה הַמְאַבֵּד כָּל מַ"ה שֶׁנּוֹתְנִים לוֹ) אוּן דוּרְךְ קַבָּלַת עֹל אִיז דָאס בְּגִילוּי - אַנְטְפְּלֶעקְט.

## The Inner Dimension of the Foot

**10. Asher was the middle tribe in the Camp of Dan, not** on either **extreme. The middle is praiseworthy;**[35] thus, Asher represented **the inner dimension of the foot.**

י. אִין מַחֲנֶה דָן גוּפָא אִיז שֵׁבֶט אָשֵׁר גֶעוֶועֶן דֶער מִיטֶלְסְטֶער שֵׁבֶט, נִיט קְצָווֹת, נָאר אֶמְצָעִי מְשׁוּבָּח[כז], פְּנִימִיּוּת שֶׁבְּרֶגֶל.

**Just as the Camp of Dan as a whole had an effect on the entire Jewish people, it follows that the tribe of Asher influenced the entire Jewish people in a particularly** potent manner. **This is reflected in** the blessing Moshe gave **Asher in *Parshas VeZos HaBerachah,***[36] **"He will be pleasing to his broth-**

אַזוֹי ווי מַחֲנֶה דָן אִין אַלְגֶעמֵיין הָאט גֶע'פּוֹעֶל'ט אוֹיךְ אִין אַלֶע אִידְן כַּנַּ"ל, אַזוֹי אוֹיךְ שֵׁבֶט אָשֵׁר בִּפְרַט הָאט מַשְׁפִּיעַ גֶעוֶועֶן צוּ אַלֶע אִידְן, אוּן ווי עֶס שְׁטֵייט בַּיי אָשֵׁר (בְּפָרָשַׁת בְּרָכָה)[כח]

---

34. ***Devarim*** **14:1.**

35. ***Megilah*** **21b.** See also *Rashi* and *Tosafos, Menachos* 98b; *Likkutei Sichos,* Vol. 2, p. 303.

36. ***Devarim*** **33:24.**

**ers," interpreted by our Sages[37] as meaning that he provided sustenance to all the other Jews in the *Shemitah* ("Sabbatical") year.**

יְהִי רְצוּי אֶחָיו, אוּן רַזַ"ל[כט] זָאגְן אַז עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן שְׁפַּיְיז צוּ דִי אִיבֶּערִיקֶע אִידְן בִּשְׁנַת הַשְּׁמִטָּה.

## An Unexplained Dependency

**11. It is, however, necessary to explain the specific connection between the influence of Asher and the *Shemitah* year.** Also requiring **explanation: Regarding the *Shemitah* year, the Torah states,[38] "If you will ask, 'What will we eat [in the seventh year]?'… I will command My blessing." As such, all the tribes should have received a blessing** for the *Shemitah* year. Why then **did they need the assistance of the tribe of Asher?**

יא. מֶען דַארְף אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין דִי שַׁיְיכוּת פוּן דֶער הַשְׁפָּעָה פוּן שֵׁבֶט אָשֵׁר צוּ שְׁמִטָּה דַוְקָא.

אוֹיךְ דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין: בַּיי שְׁמִטָּה שְׁטֵייט דָאךְ אִין תּוֹרָה וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל גו' וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי גו'[ל], הָאט דָאךְ דִי בְּרָכָה גֶעדַארְפְט זַיְין בַּיי אַלֶע שְׁבָטִים, אִיז פַארְוָואס הָאבְּן זֵיי גֶעדַארְפְט אָנְקוּמֶען צוּ שֵׁבֶט אָשֵׁר דַוְקָא?

## *Shemitah* – Not in Heaven, but on Earth

**12. The concept of the *Shemitah* year[39] is clarified by the Torah: The land must rest; labors like plowing** and sowing may not be performed, as it is written,[40] **"You shall rest from plowing and harvesting."** In other words, **labor that is connected with** producing **food should be halted. Accordingly, the verse continues, "If you will ask, 'What will we eat** in the seventh year?'" **And it answers, "I will command My blessing."**

יב. דֶער עִנְיַן הַשְּׁמִטָּה (הַיי־יָאר אִיז דָאךְ שְׁנַת הַשְּׁמִטָּה) וֶוערְט דֶערְקְלֶערְט אִין פָּסוּק, אַז עֶס דַארְף זַיְין שְׁבִיתַת הָאָרֶץ אִין דִי מְלָאכוֹת פוּן חֲרִישָׁה וכו', בֶּחָרִישׁ וּבַקָּצִיר תִּשְׁבּוֹת[לא], דִי מְלָאכוֹת וֶועלְכֶע זַיְינֶען פַארְבּוּנְדְן מִיט מֶענְטשְׁלֶעכֶער שְׁפַּיְיז, דַארְפְן אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט וֶוערְן. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער פָּסוּק: וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל, אוּן עֶנְטְפֶערְט, וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי גו'.

**On the surface, the question arises: Why must the Torah add a** seemingly **unnecessary** introductory **phrase, "If you will ask…"? Furthermore, why must the Torah even raise the question?** The very fact that **the Torah raises the question forces us to say that the question is relevant even from the perspective of holiness.**

אִיז דָאךְ אִין פְּלוּג נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק, נָאךְ וָואס דַארְף מֶען דֶעם יִתּוּר לָשׁוֹן וְכִי תֹאמְרוּ גו'? נָאךְ מֶער - וָואס דַארְף תּוֹרָה אוֹיפְטָאן אַ קַשְׁיָא? וִויבַּאלְד אָבֶּער אַז ס'אִיז אַ שְׁאֵלָה אִין תּוֹרָה, מוּז מֶען זָאגְן אַז אוֹיךְ דִי קַשְׁיָא הָאט אַן אָרְט אִין קְדוּשָּׁה.

**This implies that the novelty of the *Shemitah*** year **is that it should not be** observed **in a manner**

דָאס מֵיינְט, אַז דֶער אוֹיפְטוּ פוּן שְׁמִטָּה אִיז, עֶס זָאל זַיְין נִיט אִין דֶעם

37. *Targum Yonason, Targum Yerushalmi*, and *Sifri* on this verse.

38. *Vayikra* 25:20-21.

39. The year this *sichah* was delivered (and first published) was also a *Shemitah* year.

40. *Shmos* 34:21.

**that does not raise a question at the outset. Instead, the *Shemitah*** year should be observed in a manner that **raises a question, indeed, a very difficult question.** From the standpoint of day-to-day reality, observing *Shemitah* does not make sense. **Nevertheless,** despite the question, **a Jew** should **cease work** because **G-d commanded doing so.** This is a consummate expression of *kabbalas ol.*

**The *mitzvah* of *Shemitah* involves a situation and circumstances that raise questions. Nonetheless,** these questions **do not affect the conduct of the Jews. For that reason,** G-d promises, **"I will command My blessing."**

**Moreover, the blessing that He commands is not manifest in a manner in which** man miraculously **does not require** nourishment from **the earth's produce.** The state of the Jews during the *Shemitah* year did not **resemble Moshe's** state on Mount Sinai, when **"he did not eat bread or drink water."**[41] **Nor was it** manifest **in a manner that the energy generated from eating during the sixth year was sufficient to sate** the Jews **for the seventh year, like the Prophet Eliyahu, who was nourished for 40 days from eating once.**[42] **Instead,** G-d **will command His blessing** in the sixth year so **that there will be bread and** other **food for the seventh year** as well.

That food **will not resemble the manna in which it was possible to taste all flavors,**[43] **and which did not produce any waste.**[44] **Instead,** it will be **ordinary, physical food, with all the drawbacks and waste associated with physicality.**

Moshe **on Mount Sinai** could **not** fulfill the *mitzvah* in this manner, **nor** could the Jews **in the desert** when eating the manna. **Only in the fields and wine groves of *Eretz Yisrael*** could this be achieved.

אוֹפֶן אַז עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ נִיט לְכַתְּחִלָּה קֵיין קַשְׁיָא, נָאר דֶער עִנְיַן הַשְּׁמִטָּה אִיז אַז עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ דַוְקָא יָא אַ קַשְׁיָא אוּן אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ אָפּ פוּן אַרְבֶּעטְן, ווִי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

מִצְוַת שְׁמִטָּה אִיז פַארְבּוּנְדְן מִיט אַזַא פְּלַאץ אוּן מִיט אַזֶעלְכֶע עִנְיָנִים, אַז ס'אִיז דָא אַן אָרְט אוֹיף אַ קַשְׁיָא, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן ווִירְקְט עֶס נִיט אוֹיף דֶער הַנְהָגָה פוּן אִידְן, אוּן דֶערְפַאר אִיז וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי.

אוֹיךְ דֶער וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי אִיז נִיט אִין אַן אוֹפֶן, אַז מֶען וֶועט נִיט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ תְּבוּאוֹת הָאָרֶץ, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מֹשֶׁה'ן ווָאס לֶחֶם לֹא אָכַל וּמַיִם לֹא שָׁתָה[לב]. עֶס אִיז אוֹיךְ נִיט בְּאוֹפֶן, אַז עֶס זָאל זַיְין אַ כֹּחַ אִין דֶער אֲכִילָה פוּן שָׁנָה הַשִּׁשִּׁית, אַז מִיט דֶעם כֹּחַ פוּן עֶסְן דֶעם זֶעקְסְטְן יָאר וֶועט מֶען זַיְין זַאט אוֹיךְ דֶעם זִיבֶּעטְן יָאר, אַזוֹי ווִי בַּיי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא ווָאס עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁפַּייזְט פֶערְצִיק טֶעג מִיט דֶעם כֹּחַ פוּן אֵיין מָאל עֶסְן[לג], נָאר עֶס וֶועט זַיְין וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי, עֶס זָאל זַיְין בְּרוֹיט אוּן שְׁפַּייז אִין זִיבֶּעטְן יָאר גּוּפָא.

אוּן נִיט אַזוֹי ווִי מָן ווָאס מֶען הָאט אִין אִים גֶעפִילְט אַלֶע טַעֲמִים[לד] אוּן עֶס אִיז נִיט גֶעוֶוען אִין אִים קֵיין פְּסוֹלֶת[לה], נָאר פָּשׁוּט'עֶר גַשְׁמִיּוּת'דִיקֶער בְּרוֹיט, אוֹיךְ מִיט דִי חֶסְרוֹנוֹת אוּן פְּסוֹלֶת פוּן גַשְׁמִיּוּת.

אוּן דָאס וֶועט זַיְין נִיט בְּהַר סִינַי, אָדֶער בַּמִּדְבָּר - נָאר אִין דִי פֶעלְדֶער אוּן ווַיְינְגֶערְטְנֶער פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

---

41. Ibid. 34:28.

42. *I Melachim* 19:8.

43. *Yoma* 75a.

44. Ibid. 75b.

**Even though** fulfilling **the** ***mitzvah*** in this manner involves **the physical and even materialistic** dimensions of man's being – indeed, they are involved **to the extent** that the Torah **states, "If you will ask, 'What will we eat…?'"** – a Jew **fulfills the** ***mitzvah*** **with** ***kabbalas ol.*** **This leads to** the promise, **"I will command My blessing,"** drawing down Divine blessings **in physical sustenance to the lowest** dimension of material existence.

**On this basis, we can understand** our Sages' interpretation[45] of **the verse,[46] "The land shall rest, a** ***Shabbos*** **unto G-d" – that** ***Shemitah*** **should resemble** ***Shabbos.*** **Even so,** during the *Shemitah* year, the nature of **the ordinary weekdays** does not change. It is **not forbidden to perform labor** on them, as it is **forbidden** on *Shabbos.* They are **not even like the days of a festival, when it is permitted to perform only those labors associated with the preparation of food, while other types of work are prohibited. During** the ***Shemitah*** year, by contrast, **all forms of labor are allowed; the** days **are ordinary days.**

**In what** type of labor are Jews commanded to observe **"a** ***Shabbos*** **unto G-d"? In simple earthly matters, low matters that,** like earth, **everyone tramples on.[47] In such a setting, there must be "a** ***Shabbos*** **unto G-d."**

אוּן נִיט קוּקְנְדִיק אַז עֶס אִיז אַזוֹי פַאְרבּוּנְדְן מִיט גַשְׁמִיּוּת אוּן אֲפִילוּ מִיט חוּמְרִיּוּת - בִּיז עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קַשְׁיָא וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן טוּט עֶר דִי מִצְוָה מִיט קַבָּלַת עֹל, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי, אִין דֶעם מָזוֹן הַגַּשְׁמִי עַד לְמַטָּה מַטָּה.

אוּן דֶערְמִיט וֶועט אוֹיךְ זַיְין פַארְשְׁטַאנְדִיק, וָואס כָאטשׁ אוֹיף שְׁמִטָּה שְׁטֵייט וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַהֲוָיָ'[לו], פּוּנְקְט ווִי בַּיי שַׁבָּת[לז], פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זַיְינֶען דָאס פָּשׁוּט'ֶע וָואכֶעדִיקֶע טֶעג, נִיט ווִי שַׁבָּת וָואס אִיז אָסוּר בִּמְלָאכָה, אֲפִילוּ נִיט ווִי יוֹם טוֹב, וָואס עֶס אִיז מוּתָּר בְּלוֹיז מְלֶאכֶת אֹכֶל נֶפֶשׁ אוּן דִי אַנְדֶערֶע מְלָאכוֹת זַיְינֶען אָסוּר, נָאר שְׁמִטָּה זַיְינֶען אַלֶע מְלָאכוֹת מוּתָּר, עֶס זַיְינֶען גֶעווֶוינְלֶעכֶע וָואכְן־טֶעג. אוּן אִין וָואס מָאנְט מֶען דֶעם שַׁבָּת לַהֲוָיָ' - אִין דִי פָּשׁוּט'ֶע עִנְיָנֵי אֶרֶץ - עֶרְדִישֶׁע זַאכְן - שֶׁהַכֹּל דּוֹרְסִין עָלֶיהָ, דָארְטְן דַארְף זַיְין שַׁבָּת לַהֲוָיָ'.

## A Channel of Blessing

**13. On this basis, we can understand** why G-d's **blessing** for the *Shemitah* year – **a blessing** that involved **drawing down** abundance **from the inner** dimensions of G-dliness **in a revealed manner – was manifest primarily in the ancestral heritage of Asher.** ***Kabbalas ol*** **enables one to carry out the Divine service of "a** ***Shabbos*** **unto G-d" amidst material things, in a place** where G-dliness is **concealed and veiled, and even when questions**

יג. דֶערְמִיט וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס דֶער וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי - דִי בְּרָכָה אוּן דִי הַמְשָׁכָה פוּן פְּנִימִיּוּת אִין אַן אַנְטְפְּלֶעקְטְן אוֹפֶן - אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערְהוֹיפְּט אִין חֵלֶק פוּן אָשֵׁר.

בִּכְדֵי דוּרְכְצוּפִירְן דִי עֲבוֹדָה פוּן שַׁבָּת לַהֲוָיָ' אִין עִנְיָנִים הַגַּשְׁמִיִּים אוּן אִין אַן אָרְט פוּן הַעֲלָמוֹת וְהֶסְתֵּרִים בִּיז אֲפִילוּ

45. ***Toras Kohanim*** **on** ***Vayikra*** **25:2.**

46. ***Vayikra,*** **op. cit.**

47. Cf. *Maharshal* to *Berachos* 17a. See *Eiruvin* 54 a; *Bereishis Rabbah* 41:9; *Bamidbar Rabbah* 2:13.

arise. The power of ***kabbalas ol*** **makes it possible to proceed even**[48] **in a place of darkness.**

**The revelation of the inner root and source** of *kabbalas ol* came about through the tribe of **Asher in particular,** because Asher **is** identified with **the inner dimension of the foot.**

**Since** the tribe of Asher **was** part of the camp that **gathered** and returned the lost objects from **the entire** Jewish people, its members **drew down** the inner dimension of *kabbalas ol* **to all Jews.** This is alluded to in **our Sages'** words **that,** during *Shemitah,* the tribe of Asher **would sustain all the Jews with grain.**[37]

אִין אַן אָרְט פוּן קַשְׁיוֹת, אִיז דָאס דוּרְךְ קַבָּלַת עֹל דַוְקָא, וָואס מִיטְן כֹּחַ פוּן קַבָּלַת עֹל קֶען מֶען גֵיין אוֹיךְ[לח] אִין אַן אָרְט פוּן פִינְסְטֶערְנִישׁ.

און בִּכְדֵי מְגַלֶּה זַיְין אִין דֶעם פוּן שֹׁרֶשׁ וּמְקוֹר הַפְּנִימִי - אִיז דָאס בִּפְרַט און דַוְקָא בַּיי אָשֵׁר'ן, וָואס עֶר אִיז דִי בְּחִינָה פְּנִימִית שֶׁבְּרֶגֶל.

און זַייְעֶנְדִיק אַ מְאַסֵּף לְכָל הַמַּחֲנוֹת, הָאט שֵׁבֶט אָשֵׁר דָאס מַמְשִׁיךְ גֶעוֶועְן צוּ אַלֶע אִידְן, ווִי דִי רַזַ"ל זָאגְן שֶׁהָיָה מֵזִין אֶת כָּל יִשְׂרָאֵל בַּתְּבוּאוֹת (עֶר פְּלֶעגְט שְׁפַּייְזְן אַלֶע אִידְן מִיט תְּבוּאוֹת).

## When the Land Will Be Appeased

**14. Building on this understanding of Asher's** virtues, **we can understand the blessings given** that tribe, **"From Asher, rich food will come"**[1] **and "He will immerse his feet in oil."**[2]

**The positive virtue of** ***kabbalas ol*** **shined forth from its inner dimension and source within** the tribe **of Asher, foreshadowing the Ultimate Future, when action will be preeminent.**[49]

**Through the Divine service** that characterized **the** ***Shemitah*** year – ***kabbalas ol*** – **we will merit the revelation of the Ultimate Future.** It is this mode of Divine service that will lead **to "the land appeas[ing G-d] for its** ***Shemitah*** **years"**[50] **and** the redemption when **"You [will] have appeased Your land; You [will] have returned Yaakov [from] captivity."**[51]

יד. לוֹיט דֶעם וָואס אִיז דֶערְקְלֶערְט גֶעוָוארְן וֶועגְן שֵׁבֶט אָשֵׁר, וֶועט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין דֶעם עִנְיָן פוּן "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ" און "וְטוֹבֵל בַּשֶּׁמֶן רַגְלוֹ".

בַּיי אָשֵׁר'ן הָאט גֶעלוֹיכְטְן דִי מַעֲלָה פוּן קַבָּלַת עֹל פוּן זַיְין שֹׁרֶשׁ און פְּנִימִיּוּת, מֵעֵין לֶעָתִיד לָבוֹא, וָואס דֶעמָאלְט וֶועט זַיְין מַעֲשֶׂה גָדוֹל[לט].

און דוּרְךְ דֶער עֲבוֹדָה פוּן שְׁמִטָּה - קַבָּלַת עֹל, וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיְין צוּם גִילוּי דְלֶעָתִיד, צוּם תִּרְצֶה הָאָרֶץ אֶת שַׁבְּתוֹתֶיהָ[מ], וָואס דָאס בְּרֶענְגְט רָצִיתָ ה' אַרְצֶךָ שַׁבְתָּ שְׁבוּת יַעֲקֹב[מא].

(מלוקט משיחות שמחת ביה"ש, ש"פ בראשית, תשי"ט)

---

48. **See** ***Likkutei Sichos,*** **Vol. 2, p. 419ff.**

49. *Kiddushin* 40b records a difference of opinion among the Sages whether study or action deserve preeminence. Although in that source the Sages conclude that study deserves preeminence, in **the** ***maamar*** **entitled** ***VeAvdi David,*** **5708** (*Sefer HaMaamarim 5708,* p. 225ff), the Rebbe Rayatz explains that their statement applies only in the present era, but in the Ultimate Future, action will be preeminent.

50. ***Vayikra*** **26:34.**

51. ***Tehillim*** **85:2.** See **the Midrash** (*Midrash Tehillim, et al.*) **on that verse.**

א) דברים לג, כד.
ב) שבת סג, א.
ג) מנחות פה, ב.
ד) ראה שם.
ה) זכרי׳ יד, ד. זע אויך הוספות לספר החקירה - להצמח צדק - ד״ה במורה נבוכים כו׳ ועמדו רגליו.
ו) זע אויך לקו״ש ח״ב ע׳ 398 ואילך.
ז) ברש״י על התורה בשם הירושלמי, במדבר י, כה.
ח) חגיגה ד, א.
ט) לקוטי תורה במדבר צא, ג. שם דברים לג. א.
ט*) ווי דער לשון: ונחנו מה.
י) קהלת ד, יג. רש״י שם.
יא) פסחים ד, א.
יב) זע ילקוט שמעוני יתרו רמז צחר. ירושלמי פאה א, א. דברים רבה ריש פ״ו ועוד.
יג) פרק מא.
יד) די דערקלערונג אויף די צוויי אויבנדערמאנטע מעלות זע לקו״ש ח״ב ע׳ 426 ואילך.
טו) ויקרא יט, יח.
טז) זע תניא פל״ב. שבת לא, א.
יז) דברים לג, כג.
יח) בבא בתרא כה, א.
יט) זע לקוטי תורה ריש פרשת תזריע.
כ) תהלים פד, יב.
כא) זע דעת זקנים מבעלי התוספות דברים לג, כג: ים זה עולם הזה, דרום - עולם הבא.
כב) זע תניא פרק מב.
כג) שער היחוד והאמונה (תניא) פ״ז.
כד) מגילה כו, ב. גיטין נ, ב. בבא בתרא קנו, א. (בשינוי לשון).
כה) זע ד״ה תורה צוה תש״ב (קונטרס קטן).
כו) דברים יד, א.
כז) מגילה כא, ב.
כח) דברים לג, כד.
כט) תרגום יונתן וירושלמי על פסוק זה. ספרי שם.
ל) ויקרא כה, כ־כא.
לא) שמות לד, כא.
לב) שם, כח.
לג) מלכים א יט, ח.
לד) יומא עה, א.
לה) שם, ב.
לו) ויקרא כה, ב.
לז) זע תורת כהנים אויפן ארט.
לח) ראה לקו״ש ח״ב ע׳ 419 ואילך.
לט) ד״ה ועבדי דוד תש״ח.
מ) ויקרא כו, לד.
מא) תהלים פה, ב. במדרש שם.

# VAYECHI II | ויחי ב

Adapted from a *sichah* delivered on Simchas Torah, 5719 (1958)

## Introduction

Few experiences in life match the satisfaction of watching one's children grow. At every stage – from their first steps to their first words, from childhood through adolescence and into adulthood – they provide their parents with unique pleasure and pride.

This holds true for every child. Yet parents often derive more satisfaction from one child than from another. Something about the way that particular child conducts himself, the values he embodies, and the person he's becoming resonates more deeply with his parents than the conduct of his siblings. The alignment between the child's character and what matters most to the parents creates a special bond and a heightened sense of *nachas*.

The same dynamic exists in our relationship with G-d.

What kind of Divine service arouses His deepest favor? What draws us closest to Him? Service motivated by *kabbalas ol* – accepting the yoke of Heaven and carrying out His will simply because it's His will. When we serve G-d in this manner, setting aside our own understanding and preferences to align completely with His will, our mode of service resonates most profoundly with Him because it reflects total devotion, unmediated by the limitations of human comprehension.

# Raising Children We Are Proud Of

## Cultivating Spiritual Beauty

1. Commenting on the verse from this week's Torah reading,[1] "From Asher, rich food (*shemeinah lachmo*) will come," the Midrash[2] describes the spiritual reward received for the Divine service of Asher: "He will raise [children who will wear] the eight (*shemonah*) [priestly] garments," i.e., the eight garments worn by the *Kohen Gadol* ("High Priest). In a similar vein, *Rashi* interprets another verse,[3] "He will be pleasing to his brothers," stating that the daughters of the tribe of Asher were beautiful and would marry *Kohanim Gadolim* (who wore the eight garments).

A question naturally arises: What connection do beautiful daughters have to *Kohanim Gadolim?* We are forced to say that this refers to spiritual beauty, which is inherently related to the High Priesthood.

The Torah[4] refers to a woman as "a helpmate corresponding to him," one who assists her husband in his Divine service. The Torah explicitly highlights this point when speaking of the service of the *Kohen Gadol* on Yom Kippur. While carrying out his service in the Holy of Holies, it was important that he "atone for himself and for his household," i.e., his wife.[6] If he were not married, he could not carry out his service.[7]

The true beauty of a Jewish woman lies in her conducting herself in the manner of "the king's

א. וועגן דעם שְׂכַר וועלכן מען באַקומט דורך דער עֲבוֹדָה פון אָשֵׁר - זאָגט אויף דעם דער מִדְרָשׁ[מב] אין היינטיקער סֶדְרָה: "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ - שֶׁהוּא מַעֲמִיד בִּגְדֵי שְׁמוֹנָה". אַזוֹי טייטשט אויך רַשִׁ"י (אין צווייטן פְּשַׁט) אויפן פָּסוּק יְהִי רְצוּי אֶחָיו שֶׁהָיוּ בְּנוֹתָיו נָאוֹת כו' נְשׂוּאוֹת לְכֹהֲנִים גְּדוֹלִים - זיינע טעכטער זיינען געווען שיין און פאַרהייראַט צו כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים (וועלכע גייען אין שְׁמוֹנָה - אַכט בְּגָדִים).

וואָס פאַר אַ שייכות האָט בָּנוֹת נָאוֹת צו כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים? מוז מען דאָך זאָגן, אַז דער ענין פון שיינקייט דאָ מיינט אַ רוחניות'דיקע שיינקייט, וואָס איז שייך צו כְּהוּנָּה גְדוֹלָה.

דער ענין פון אִשָּׁה איז דאָך אֶעֱשֶׂה לּוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ[מג], אַ הילף פאַר דעם מאַן אין זיין עֲבוֹדָה. און ווי מען געפינט דאָס אין דעם ענין פון עֲבוֹדַת כֹּהֵן גָּדוֹל בִּפְרַט, אַז בִּשְׁעַת זיין עֲבוֹדָה יוֹם כִּפּוּר לִפְנַי וְלִפְנִים, איז געווען נוֹגֵעַ דער וְכִפֶּר בַּעֲדוֹ וּבְעַד בֵּיתוֹ[מד] זוֹ אִשְׁתּוֹ, און אָן דעם האָט ער ניט געקענט טאָן זיין עֲבוֹדָה[מה].

די אֱמֶת'ע שיינקייט פון דער אידישער פְרוֹי, דער כָּל כְּבוּדָּה בַת

1. *Bereishis* 49:20.

2. *Bereishis Rabbah* 98:16; 71:10.

3. *Devarim* 33:24.

4. *Bereishis* 2:18.

5. *Vayikra* 16:6.

6. *Yoma* 2a.

7. As stated in *Yoma,* loc. cit., the *Kohen Gadol* had to be married to carry out his service.

**daughter whose entire glory is inward,"**[8] **i.e.,** with **modesty,** a quality that **leads to and assists the High Priesthood.**[9]

מֶלֶךְ פְּנִימָה[מו], וָואס דָאס מֵיינְט עִנְיַן הַצְּנִיעוּת - דָאס בְּרֶענְגְט אוּן הֶעלְפְּט כְּהוּנָּה גְדוֹלָה[מז].

**How does one merit this? Through the Divine service of "judge my case,"**[10] **conducting** oneself **with** ***kabbalas ol,*** continuously judging oneself **according to** the standards of **the** ***Shulchan Aruch,*** **including the standard for modesty.** Through such conduct, **one merits to raise "a righteous generation,"**[11] **children and grandchildren occupied with the Torah and its** ***mitzvos,***[12] even meriting to have descendants who are ***Kohanim Gedolim,*** **descendants who will enter the Holy of Holies, where there is only the Holy Ark containing the tablets on which are engraved the Ten Commandments. Unlike** letters **written with ink, an additional entity,** distinct **from the parchment** on which they are written, **engraved** letters are one with **the tablets upon** which they are inscribed. In other words, **they and the Torah are a single entity.**[13]

אוּן דוּרְךְ וָואס אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם - דוּרְךְ דֶער עֲבוֹדָה פוּן דוּנוּ דִינָא. בְּשַׁעַת אַז דִי הַנְהָגָה אִיז מִיט קַבָּלַת עֹל, עַל פִּי שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וּבִכְלַל זֶה עִנְיַן הַצְּנִיעוּת, אִיז מֶען זוֹכֶה אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ דוֹר יְשָׁרִים מִיט בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּמִצְוָה, בִּיז צוּ כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים, דָאס הֵייסְט קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן אַרַיְין אִין קָדְשֵׁי הַקֳּדָשִׁים וָואס דָארְטְן אִיז נָאר דֶער אָרוֹן מִיט דִי לוּחוֹת אוֹיף וועֶלְכֶע עֶס זַיְינֶען אוֹיסְגֶעקְרִיצְט דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת, נִיט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן מִיט טִינְט וָואס אִיז אַ צוּגֶעגֶעבֶּענֶע זַאךְ צוּם פַּארְמֶעט, נָאר אַיְינְגֶעקְרִיצְט אוֹיף דִי לוּחוֹת, אַז עֶר מִיט דֶער תּוֹרָה זַיְינֶען אֵיין זַאךְ[מח].

## Satisfaction that Outweighs Numbers

**2. Based on the above, we can also understand the preceding** words **of the verse,**[3] **which** also **states: "Asher will be blessed with sons."** ***Rashi*** **quotes** ***Sifri,*** **which states, "Among all the tribes, there was none that was blessed with sons as Asher," and comments, "I do not know how [this is so]."**

ב. לוֹיט דֶעם וועֶט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין, וָואס עֶר זָאגְט פְּרִיעֶר אִין פָּסוּק, בָּרוּךְ מִבָּנִים אָשֵׁר, בְּרֶענְגְט רַשִׁ"י בְּשֵׁם הַסִּפְרִי, אֵין לְךָ בְּכָל הַשְּׁבָטִים שֶׁנִּתְבָּרֵךְ בְּבָנִים כְּאָשֵׁר, אוּן רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף דֶעם, וְאֵינִי יוֹדֵעַ כֵּיצַד.

***Rashi's*** puzzlement **is** understandable because, **in the census of the Jewish people we do not find Asher to be more populous than the other tribes.** As such, **the words of the** ***Sifri*** **must be clarified according to the words of our Sages,**[14] **"This is**

רַשִׁ"י זָאגְט וְאֵינִי יוֹדֵעַ כֵּיצַד, וַוְיְיל אִין דֶעם מִנְיַן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל זֶעט מֶען נִיט אַז אִין שֵׁבֶט אָשֵׁר זָאל זַיְין אַ גְרֶעסֶערֶע צָאל ווִי אִין דִי אַנְדֶערֶע שְׁבָטִים.

מֶען דַארְף דֶערְקְלֶערְן דִי ווֶערְטֶער פוּן סִפְרִי, לוֹיט דֶעם מַאֲמַר רַזַ"ל

---

**8.** ***Tehillim*** **45:14.**

**9.** ***Bamidbar Rabbah*** **1:3.** See also ***Yoma*** **47a,** which praise the modesty of Kimchis, who was worthy of having sons who served as *Kohanim Gedolim.*

10. *Pesachim* 4a; see the first *sichah* in this collection, p. 9.

11. Cf. *Tehillim* 112:2.

12. A common Rabbinic expression (see the *Shabbos hymn, Baruch Hashem Yom Yom, et al.*)

**13. See** ***Likkutei Sichos,*** **Vol. 2, p. 320.**

**14.** ***Berachos*** **6b.**

**equivalent…,"** meaning that a particular dimension can process a qualitative difference that outweighs a quantitative advantage. **In this context, the intent is that** the tribe of Asher **possessed a unique quality which outweighed** the virtues of **all the other tribes – the great satisfaction** the members of the tribe **derived from** their **children.**

**By conducting oneself with *kabbalas ol* and educating one's children accordingly, one merits children who follow the path of the Torah and its *mitzvos*.** When one raises his children in this manner, **he derives great pleasure from them, much more than from many children.**

**On this basis, we can understand the verse,[15] "I multiplied his descendants, and I gave him Yitzchak." The Rebbe Rashab[16] asked, "[Why does the verse begin by] stating, 'I multiplied his descendants,' and concludes by mentioning one son, Yitzchak?" To clarify, the idea is that one can have more pleasure from one** son **than from many. Indeed, there can be one who is equivalent to 600,000, as** reflected in our Sages'[17] statement **that Moshe was equivalent to the entire Jewish people; and there is no generation in which there is no one like Moshe.[18] One merits such a child specifically through the Divine service of *kabbalas ol*.**

שָׁקוּל זֶה כְּנֶגֶד כו'[מט], אַז עֶר וועגט אַרִיבֶּער אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁבָטִים מִצַּד דִי בַּאזוּנְדֶערֶע מַעֲלוֹת וועלְכֶע זַיְינֶען פַּארַאן בַּיי אִים, אוּן, אִין אוּנְזֶער עִנְיָן מֵיינְט מֶען, דָאס גְרוֹיס נַחַת פוּן קִינְדֶער. דוּרְךְ דֶער הַנְהָגָה מִיט קַבָּלַת עֹל אִין חִינוּךְ אוֹיף אַזַא אוֹפֶן, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער וועלְכֶע גֵייעֶן בְּדַרְכֵי הַתּוֹרָה וּמִצְווֹת וכו' אוּן מֶען הָאט פוּן זֵיי פִּיל נַחַת, מֶערֶער אוּן מֶערֶער ווִי פוּן אַ סַךְ קִינְדֶער.

דֶערְמִיט אִיז מוּבָן וואָס סְ'שְׁטֵייט: וָאַרְבֶּה אֶת זַרְעוֹ וָאֶתֶּן לוֹ אֶת יִצְחָק[נ]; פְּרֶעגְט דֶער רֶבִּי (מְהוֹרַשַׁ"ב) נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן: עֶר זָאגְט וָאַרְבֶּה אֶת זַרְעוֹ אוּן פִּירְט אוֹיס אַ בֵּן יָחִיד, יִצְחָק'ן? נָאר דֶער עִנְיָן אִיז ווִי דֶערְקְלֶערְט, אַז מֶען קֶען הָאבְּן נַחַת פוּן אֵיינֶעם מֶערֶער ווִי פוּן אַ סַךְ, בִּיז אַז עֶס קֶען זַיְין אֵיינֶער אוּן אִיז שָׁקוּל כְּנֶגֶד שִׁשִּׁים רִבּוֹא, אַזוֹי ווִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ שֶׁהָיָה שָׁקוּל כְּנֶגֶד כָּל יִשְׂרָאֵל[נא] וְאֵין דוֹר שֶׁאֵין בּוֹ כְּמֹשֶׁה[נב]. אוּן צוּ אַזַא קִינְד אִיז מֶען זוֹכֶה דוּרְךְ אַן עֲבוֹדָה פוּן קַבָּלַת עֹל דַוְקָא.

## Standing on Our Children's Shoulders

**3. It is possible to understand the connection between meriting virtuous children and the Divine service of *kabbalas ol* based on the Midrash[19] which explains that G-d asked the Jewish people for guarantors before giving them the Torah.** Although **the Jews offered various guarantors, G-d did not accept any** of them

ג. דִי שַׁיְיכוּת פוּן זוֹכֶה זַיְין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער מִיט דֶער עֲבוֹדָה פוּן קַבָּלַת עֹל, וועט מֶען פַארְשְׁטֵיין מִיט דֶעם וואָס עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ[נג], אַז פַאר מַתַּן תּוֹרָה הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעפָאדֶערְט פוּן אִידְן, זֵיי זָאלְן צוּשְׁטֶעלְן עַרְבוּת. דִי אִידְן הָאבְּן פָארְגֶעלֵייגְט פַארְשִׁידֶענֶע עֲרֵבִים, אָבֶּער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס נִיט

15. *Yehoshua* 24:3.

16. See *Sefer HaSichos 5692*, p. 43; *Sefer HaSichos 5699*, p. 323.

17. **See *Rashi, Shmos* 18:1.**

18. ***Bereishis Rabbah* 56:7.**

19. ***Shir HaShirim Rabbah* 1:4 (1).**

אָנְגֶענוּמֶען בִּיז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזָאגְט בָּנֵינוּ עֲרֵבִים בַּעֲדֵנוּ - אוּנְזֶעדֶע קִינְדֶער זַיְינֶען עֲרֵבִים פַאר אוּנְז.

דִי דֶערְקְלֶערוּנְג דֶערְפוּן אִיז: בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן פוּן מֶענְטשְׁלֶעכְן לֶעבְּן זַיְינֶען פַאראַן פַארְשִׁידֶענֶע מַדְרֵיגוֹת: בֶּן חָמֵשׁ לְמִקְרָא וכו׳ ווִי דִי מִשְׁנָה רֶעכְנְט אוֹיס אִין אָבוֹת פֶּרֶק ה׳ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיסְפִּירְלֶעךְ, בִּיז מֶען קוּמְט צוּ שְׁלֵימוּת הַמּוֹחִין, ווָאס דָאס בַּאקוּמְט מֶען צוּ צְווַאנְצִיק יָאר. ווִי עֶס זַיְינֶען בַּאווּאוּסְט[נד] דִי חִילוּקִים פוּן בֶּן שֵׁשׁ, בֶּן י״ג אוּן בֶּן עֶשְׂרִים, אוּן אוֹיךְ נָאךְ עֶשְׂרִים זַיְינֶען פַאראַן פִיל מַדְרֵיגוֹת. אוּן תִּנוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן זַיְינֶען אִין דֶער בְּחִינָה פוּן רֶגֶל.

אוּן ווִיבַּאלְד אַז אַלֶע אִידְן זַיְינֶען אַ קוֹמָה אַחַת שְׁלֵמָה[נה], בְּמֵילָא, אִיז אַזוֹי ווִי בַּיי יֶעדֶערְן בִּפְרַט אִיז דֶער רֶגֶל מַעֲמִיד דֶעם רֹאשׁ (אִין גַשְׁמִיּוּת), אוּן אוֹיךְ אִין רוּחְנִיּוּת אִיז קַבָּלַת עֹל הַאלְט אוֹיף דִי הַשָּׂגָה, אַזוֹי אוֹיךְ בִּכְלָלוּת יִשְׂרָאֵל, טוּעֶן אוֹיף דִי רַגְלַיִם אוֹיךְ אִין דֶעם רֹאשׁ.

אוּן ווִי אוֹיבְּן דֶערְקְלֶערְט, אַז מַחֲנֵה דָן, בְּחִינַת רֶגֶל, הָאט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁלֵימוּת אוֹיךְ בִּשְׁאָר הַמַּחֲנוֹת.

אוּן אַזוֹי ווִי אִין אַלֶע עִנְיָנִים הָאט מֶען גֶעדַארְפְט אָנְקוּמֶען צוּ דִי רַגְלַיִם, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי מַתַּן תּוֹרָה, אוּן דֶערְפַאר אִיז מַתַּן תּוֹרָה לְכָל יִשְׂרָאֵל גֶעווֶען דוּרךְ דִי עַרְבוּת פוּן תִּנוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן דַוְקָא. ווַיְיל תִּנוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, בְּחִינַת רֶגֶל, זַיְינֶען דֶער יְסוֹד פוּן דֶעם גַאנְצְן אִידִישְׁן פָאלְק. אוּן ווִי עֶר פִירְט דָארְט אוֹיס אִין מִדְרָשׁ, מִפִּי עוֹלְלִים וְיוֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז.

**until they declared, "Our children will be our guarantors."** This declaration brought about the Giving of the Torah for the entire Jewish people.

**To elucidate** the inner meaning of the Jews' suggestion: **Over the course of a person's life,** he goes through **different stages.** Thus, **the *mishnah*[20] teaches, "At five, [one begins the study of] Scripture…"** and continues to mention **various stages** of maturation **until** a person **reaches the full development of his intellectual potential at the age of twenty. As is well known,[21]** there are **differences** in the intellectual capacity of **a child of six,** a youth of **thirteen, and one of twenty,** the stage when one reaches a consummate level of understanding. **Moreover, after twenty, there are many stages. Thus, children** first beginning **their studies** represent **the** lowest **level, the feet.**

**The entire Jewish people are** comparable to a **single body.[22] For every individual in a physical sense, the feet support the head.** Similarly, **in a spiritual sense, the Divine service of *kabbalas ol*** – which is comparable to feet – **supports one's understanding.[23] Similarly, for the Jewish people as a whole, the feet** – the children – **support the head. (As mentioned previously, the Camp of Dan, the level of feet, contributed** a dimension of **perfection to all the other camps.)**[24]

**Just as in all matters, it is necessary to rely on the feet, similarly – and for that reason – at the giving of the Torah to the entire Jewish people, the children,** even if only at the early **stage of study, were required as guarantors. These children, the level of feet, are the foundation of the entire Jewish people, and as the Midrash[19] concludes** (quoting *Tehillim*), **"Out of the mouths of babes and sucklings, You established strength."**[25]

---

20. *Avos,* end of **ch. 5.**

21. ***Shulchan Aruch, Choshen Mishpat,* sec. 235; the Mitteler Rebbe's *Peirush HaMilos,* secs. 2-4.**

22. ***Likkutei Torah, Devarim,* p. 44a; the *Tzemach Tzedek's Derech Mitzvosecha, mitzvas ahavas Yisrael.***

23. See the first *sichah* in this publication, p. 10.

24. See the first *sichah* in this publication, p. 11.

25. *Tehillim* 8:3.

לוֹיט דֶעם קֶען מֶען דֶערְקְלֶערְן דִי שַׁיְיכוּת פוּן גוּטֶע קִינְדֶער צוּ קַבָּלַת עֹל, ווַיְיל בֵּיידֶע זַיְינֶען בִּבְחִינַת רֶגֶל כַּנַ״ל, דֶערְפַאר אִיז מֶען זוֹכֶה דוּרְךְ דֶער הַנְהָגָה פוּן קַבָּלַת עֹל צוּ בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּמִצְוֹת.

(משיחת שמח״ת, תשי״ט)

**On this basis, we can appreciate the connection between** raising **virtuous children and *kabbalas ol* – both represent the level of feet. Accordingly, through conducting ourselves with *kabbalas ol,* we will merit children and grandchildren occupied with the Torah and its *mitzvos.***

---

מב) בראשית רבה צח, טז. שם עא, י.

מג) בראשית ב, יח.

מד) ויקרא טז, ו.

מה) ער האט געמוזט זיין פארהייראט, זע יומא ב, א.

מו) תהלים מה, יד.

מז) יומא מז, א. במדבר רבה פ״א, ג.

מח) זע לקו״ש ח״ב ע׳ 320.

מט) ברכות ו, ב.

נ) יהושע כד, ג.

נא) זע רש״י שמות יח, א.

נב) בראשית רבה נו, ז.

נג) שיר השירים א, ד. א.

נד) שולחן ערוך חושן משפט סימן רל״ה. פירוש המלות - לאדמו״ר האמצעי - סעיפי ב־ד.

נה) לקוטי תורה דברים מד, א. ספר המצות להצמח צדק מצות אהבת ישראל.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה״ת ר׳ משה יהודה בן ר׳ צבי יוסף ע״ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie